בס"ד

מטות (פנחס בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 102

דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן זַיין נָאמֶען, דֶער נָאמֶען פוּנֶעם קֶענִיג אִיז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צֶען מְלָכִים וָואס הָאבְּן גֶעוֶועלְטִיגְט פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט צוּם צְווייטְן!

אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶערוּפְן צוּ זִיךְ דֶער מֶלֶךְ פוּן דִי שֵׁדִים וָואס הָאט גֶעהֵייסְן 'אַשְׁמְדַאי' אוּן לֵיידֶער הָאט אִים דֶער אַשְׁמְדַאי פַארְטְרִיבְן אִין גָאר אַ וַוייטֶע לַאנְד, אַלֵיין, אוּן דָארְטְן הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט פַאר אַלֶעמֶען: "אִיךְ בִּין דֶער קֶענִיג שְׁלֹמֹה, וֶועלְכֶער הָאט גֶעקֶענִיגְט אִין יְרוּשָׁלַיִם", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, נִישְׁט חָלוֹמְ'נְדִיג אַז דָאס אִיז טַאקֶע דֶער קֶענִיג.

אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט צוּ בֶּעטְן אַבִּיסְל עֶסְן, זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין פַארְשִׁידֶענֶע שְׁטִיבֶּער צוּ בֶּעטְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אִיז נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֶעלְן.

אֵיינְמָאל הָאט אִים אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְגֶערוּפְן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן נָאר בְּרוֹיט מִיט גְרִינְס, דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין שְׁטוּב, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט מְחַיֶּה זַיין דֶעם גַאסְט, הָאט עֶר אַרַיינְגֶערוּפְן זַיינֶע צְווֵיי קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן אִין צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער מִיט לַאטֶעס, זֵיי זָאל טַאנְצְן פַאר דֶעם אִיד וָואס טַעֲנָה'ט

אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַמָאל דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי צְווֵיי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס אִין אַ רִקּוּד מִיט אַ פִידֶעלֶע אוּן הָאבְּן מַמָּשׁ מְחַיֶּה גֶעוֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ פָּסוּק אִין קֹהֶלֶת "טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה שָׁם מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה בוֹ" (מִשְׁלֵי טו, יז) עֶס אִיז אַסַאךְ גֶעשְׁמַאקֶער צוּ עֶסְן אַ מָאלְצַייט בְּלוֹיז פוּן גְרִינְצַייג אָבֶּער עֶס אִיז דָארְט פַארְהַאן לִיבְּשַׁאפְט וִוי אַ גֶעשְׁטָאפְּטְן אָקְס וֶוען עֶס הֶערְשְׁט דָארְט פַיינְטְשַׁאפְט!"

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט פַאר דֶער גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ, אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן אִים אִין צַייט פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, וִוי מֶען זָאגְט בַּיי שִׁירַת הַיָּם, שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן (שמות טו, יד) דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גֶעהֶערְט אַז




עֶס אִיז פַארְהַאן אַ קֶענִיג, שְׁפֶּעטֶער בַּיי מַתַּן תּוֹרָה אִיז נָאכְמֶער גְרוֹיס גֶעוָוארְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דִי צַייטְן פוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוֶועלְטִיגְט, זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעוֶוען אוֹיף דֶער שְׁפִּיץ פוּן דֶער וֶועלְט!

לֵיידֶער בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל דָּבָר מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז, זַיין שְׁטוּב אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן אַז יֶעדֶע נַאכְט אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹאֵג כַּאֲרִי, עֶר

המשך אויף זייט 11

# מַיינֶע בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן

מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ, דִי הִתְקָרְבוּת פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' בֵּירְךְ רוּבִּינְזוֹן זַ"ל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן ווִיאַזוֹי עֶר הָאט דָאס אַלֵיין דֶערְצֵיילְט:

"הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלְס בָּחוּר, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס אִיז גֶעשֶׁען וָואס גָאר וֵויינִיג פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן, מַמָּשׁ נָאר גֶעצֵיילְטֶע.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא, דָארְטְן וואוּ דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶא רֶבִּי ר' מֵאִיר יְחִיאֵל הָאט גֶעוואוֹינְט.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, מַיין מַאמֶע'ס יִחוּס צִיט זִיךְ פוּנֶעם חוֹזֶה זי"ע, אוּן פוּן אוֹסְטְרוֹבְצֶא רַב דֶער בַּעַל זִכְרוֹן שְׁמוּאֵל. [תַּלְמִיד פוּן חוֹזֶה, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְקָאזְנִיץ וְהָרַב הַקָּדוֹשׁ מְאַפְּטָא]. מַיין טַאטֶע'ס יִחוּס אִיז פוּנֶעם מַגִּיד ר' אַבְרָהָם פוּן פְּשִׁיסְחָא, עֶר הָאט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קָאזְנִיצֶער מַגִּיד צוּם רֶבִּי'ן ר' שְׁמֶעלְקָא, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען נָאנְטֶע חֲבֵרִים - אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי ר' בֶּער.

מַיין זֵיידֶע דֶער פְּשִׁיסְחָא מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, נָאר דֶער רֶבִּי ר' בֶּער אוּן דוּרְךְ אִים אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן [צוּם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת].

דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶא רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַן אֵיידֶעם אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ אַ בָּחוּר 'אַבְרָהָם יִצְחָק', עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעסְט מִיט אִים אוּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז מָלֵא וְגָדוּשׁ, הָאט דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען זַיין שְׁוָואגֶער'ס אַ בָּחוּר אַלְס אֵיידֶעם. דֶער טַאטֶע פוּנֶעם בָּחוּר הָאט גֶעהֵייסְן ר' חַיִּים יוּדְל - אַ שְׁוָואגֶער פוּנֶעם אוֹסְטְרוֹבְצֶער רֶבִּי. דֶער חָתָן - שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען מַיין רֶבִּי - הָאט גֶעהֵייסְן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק וַוייסְזָאנְד הי"ד. עֶר אִיז נֶעבֶּער אוּמְגֶעקוּמֶען אִין אוֹשְׁוִויץ.

דֶער טַאטֶע פוּן ר' אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אַ שוּסְטֶער דַאכְט זִיךְ מִיר, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער. עֶטְלִיכֶע בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער הָאט אַבְרָהָם יִצְחָק גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע שוּלֶעס, אַבְרָהָם יִצְחָק ווִידֶער הָאט גֶעלֶערְנְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ.

יֶענֶער צַייט אִיז גֶעוֶוען דֶער רַב אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים מַייזֶעל זַ"ל, עֶר אִיז אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיפְזֶעהֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶס אַז דַאן גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער אוֹיפְזֶעהֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט פְּלֶעגְן פַארְהֶערְן דִי



ראדינער ישיבה

קִינְדֶער יֶעדְן שַׁבָּת. דָאסְמָאל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אַז דֶער רַב ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט פַארְהֶערְט דֶעם

המשך אויף זייט 10

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## רוֹפֵא נֶאֱמָן

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַּאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט,

דֶער עִיקָר פַּאר דִי חֵלֶק פוּן "מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע" אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְחֻזָּק גֶעוָוארְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ, וֶועגְן דֶעם ווִיל אִיךְ אוֹיךְ פַּארְצֵיילְן מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע.

כָּאטְשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ לַאנְג צוּרִיק אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס קֶען מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועל עֶס פַּארְצֵיילְן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ קְרֶענְק וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַלְס גָאר קְלֵיין קִינְד, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער אִיז עֶס ווִידֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט עֶס גֶעדַארְפְט הֵיילְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אוּן גֶעטוּן עֶטְלִיכֶע סְגוּלוֹת, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט מִיר צוּ דָאקְטוֹירִים, דֶער סַךְ הַכֹּל אִיז אַרוֹיס אַז אִיךְ דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִינֶען פַאר מֶשֶׁךְ פוּן אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ. עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי אַלֶע מֶעדֶעצִינֶען, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן נָאךְ אַ יָאר מֶעדֶעצִינֶען אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע הֵיילוּנְגֶען, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

בִּיז מֶען הָאט מִיר אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל, גֶעגֶעבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶעדֶעצִין אוּן מִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז יֶעדֶע צְוֵוייטֶע חֳדָשִׁים דַארְף אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל צוּבַּאקוּמֶען דֶעם מֶעדֶעצִין מֶשֶׁךְ אַ יָאר, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן וֶועל עֶס אִיךְ דַארְפְן נֶעמֶען חַס וְשָׁלוֹם מַיין גַאנְצְן לֶעבְּן!

אִיךְ הָאבּ גָאר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן דִי אַלֶע מֶעדֶעצִינֶען אוּן סְגוּלוֹת נָאר בַּאקוּמֶען אַ רְפוּאָה פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט בִּין אִיךְ בַּאפְרַייט פוּן דִי אַלֶע מֶעדֶעצִינֶען.

יִישַׁר כֹּחַ בַּאשֶׁעפֶּער אַז דוּ הָאסְטוּ מִיר גֶעשִׁיקְט דִי יְשׁוּעָה.

**יְהוּדָה**

אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל פַּארְלוֹירְן קַארְטְלֶעך אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים, אוּן גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל פוּן רֶבִּי'נְס סְפָרִים, וֶוען אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אוֹיס אוּן מַיין קְלֵיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דִי קַארְטְלֶעךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט צוּגֶעהֶערְט מַיין תְּפִלָּה.

מֶען דַארְף זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן

**חַיִּים**

# דער חיגר

## ~3~




אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם. אוּן דֶער קֵיסָר פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער חָכָם אוּן הָאט גִירוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זַיינֶע. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אִיר זֶעט דוּךְ. אַז דֶער קֵיסָר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה. הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גִימַאכְט פַאר אַפִּיקוֹרְסִים. בְּכֵן לָאמִיר זִיךְ אַוֶועק לָאזְן אִין דֶער מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא. זֶענֶען זֵיי מְרוּצֶה גִיוָוארְן דְרוֹיף.

הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם הָאט עֶס זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּ אֵיין מִדְבָּר. אִיז אִים נִישְׁט גִיפֶעלְן דִי מִדְבָּר. הָאט עֶר ווִידֶער גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם הָאט עֶס זֵיי אַוֶועק גִיטְרָאגְן צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדְבָּר. אִיז אִים דִי מִדְבָּר אוֹיךְ נִיט גִיפֶעלְן. הָאט עֶר נָאךְ גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם. הָאט עֶס זֵיי ווִידֶער גִיבְּרַאכְט צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדְבָּר. אִיז דִי מִדְבָּר אִים יוֹ אַ גִיפֶעלְן. אוּן דִי מִדְבָּר אִיז גִיוֶוען נָאהֶנְט צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג (הַנַ"ל) אִיז דֶער חָכָם גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִימַאכְט אֵיין עִיגוּל (כְּלוֹמֶר אַרוּם גִיקְרֵייסְט) אַרוּם זֵיי אַז קֵיינֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי.

אוּן עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אַ בּוֹים. וָואס אַז מְזָאל דֶעם בּוֹים אָן טְרֶענְקִין וָואלְט פוּן אוּנְז (הַיְינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן. אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייעֶן תָּמִיד פוּן אוּנְז וָואס זֵיי גְרָאבְּן טָאג אוּן נַאכְט אוּן לָאזִין נִיט צוּ קֵיין וַואסֶער צוּ דֶעם בּוֹים. הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער אַנְדֶערֶער: נָאךְ וָואס בַּאדַארְף מֶען שְׁטֵיין טָאג אוּן נַאכְט אוּן גְרָאבִּין. אַ מֶער ווִי מְ׳גְרָאבְּט אָפּ אֵיין מָאל אַז דָאס וַואסֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ קוּמֶען. אִיז שׁוֹין גִינוּג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר עֶס אִיז בַּיי אוּנְז פַארְהַאנְדְן מְדַבְּרִים (כְּלוֹמֶר רֵיידֶערְס) אוּן דִי מְדַבְּרִים גֵייעֶן אוּן מַאכְן קְרִיג צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט מִלְחָמוֹת. אוּן ד וּרְךְ דִי מִלְחָמוֹת וֶוערְט עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ. פַאלְט אַיין דִי עֶרְד וָואס אַרוּם דֶעם גְרָאבְּן קָאן קוּמֶען וַואסֶער צוּם בּוֹים. אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען שְׁטֵיין תָּמִיד אוּן גְרָאבִּין.

אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ מֶלֶךְ צְווִישְׁן אוּנְז. מַאכְט מֶען פַאר אִים כָּל הַלֵיצָנוּת. אוּן מְאִיז פְּרֵיילִיךְ. דֶער שְׁפֶּעט ווִי עֶר הָאט מַזִיק גִיוֶוען אַ קִינְד אוּן ווִי דִי יוֹלֶדֶת טְרוֹיעֶרְט דְרוֹיף. אוּן דֶער וַוייזְט אֵיין אַנְדֶער לֵיצָנוּת. אוּן אַזוֹי כַּמָה אִירְלֵיי לֵיצָנוּת. אוּן אַז דֶער מֶלֶךְ קוּמְט אִין שִׂמְחָה אַרַיין גֵייט עֶר אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן פְּרוּבְט זִיךְ אוּיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים. וָוארִין אַז דֶער בּוֹים זָאל גָאר נִיט זַיין. וָואלְט אוּנְז זֵייעֶר גוּט גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס הַארְץ זֵייעֶר כְּדֵי עֶר זָאל אוּיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. ווִי עֶר קוּמְט צוּם בּוֹים. טוּט דֶער בּוֹים אַ גְרוֹיסֶע גִישְׁרֵיי. אַזוֹי פַאלְט אוֹיף אִים אַ פַּחַד מוּז עֶר זִיךְ אוּם קֶערִין.

אַמָאל אִיז גִיוָוארְן אַ נַייעֶר מֶלֶךְ בַּיי אוּנְז (דְהַיְינוּ בַּיי שֵׁדִים. וָוארִין דָאס הָאט אַלֶץ דֶערְצֵיילְט דֶער

וָואלְקִין צוּ דֶעם שְׁלִיחַ כַּנַּ״ל) הָאט מֶען פַּאר אִים גִימַאכְט גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת. כַּנַּ״ל. אִיז עֶר אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שְׁטַארְק הַארְץ זֵייעֶר. אוּן הָאט גִיוָואלְט אוֹיס רַייסִין דֶעם בּוֹים גָאר אִין גַאנְצִין אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁטַארְקְט דָאס הַארְץ. אוּן אִיז צוּ גִילָאפִין אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. וִוי עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם בּוֹים. הָאט עֶר אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסִין גִישְׁרֵיי גִיטָאן. אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן אַ פַּחַד. הָאט עֶר זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אוּן אִיז גִיוֶוען אִין גְרוֹיס כַּעַס. אוּן אִיז קְרִיק גִיגַאנְגֶען.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן מֶענְשְׁן זִיצִין (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער חָכָם הַנַּ״ל מִיט זַיינֶע מֶענְשִׁין) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט פוּן זַיינֶע לַייט. אַז זֵיי זָאלִין עֶפֶּיס טוּן (דְהַיינוּ מַזִיק זַיין זֵיי אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז) וִוי דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם חָכָם הָאבִין זֵיי דֶער זֶעהְן אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. הָאט זִיךְ דֶער זָקֵן (דְהַיינוּ דֶער חָכָם הַנַּ״ל) אָנְגִירוּפְן צוּ זֵיי שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט.

וִוי דִי שֵׁדִים זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען הָאבִין זֵיי נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין מַחְמַת דֶעם עִיגוּל וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גִיוֶוען. הָאט עֶר גִישִׁיקְט אַנְדֶערֶע שְׁלוּחִים. הָאבִין זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס כַּעַס אַרַיין אוּן אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי. הָאט עֶר גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן אַז עֵר זָאל אִים לָאזִין אַרַיין גֵיין צוּ זֵיי. הָאט אִים דֶער זָקֵן גִיזָאגְט. וַוייל דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ. וֶועל אִיךְ דִיךְ יוֹא אַרַיין לָאזִין. לוּשְׁמִיר עֶס אִיז קֵיין שְׁטֵייגֶער נִיט אַז אַ מֶלֶךְ זָאל אַלֵין גֵיין. עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיין לָאזִין נָאךְ מִיט אֵיינֶעם.

הָאט עֶר זֵיי גִיעֶפִינְט אַ טִירְל. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט וִוידֶער פַאְרשְׁלָאסִין דֶעם עִיגוּל. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוּם זָקֵן. וִוי קוּמְסְטוּ זִיךְ זֶעצִין אוֹיף מַיין אָרְט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. פַּאר וָואס אִיז דָאס דַיין אָרְט. עֶס אִיז מַיין אָרְט. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ צוּם זָקֵן. דוּ הָאסְט פַּאר מִיר קֵיין מוֹרָא נִיט. זָאגְט עֶר: נֵיין. זָאגְט עֶר וִוידֶער דוּ הָאסְט קֵיין מוֹרָא נִיט. אוּן הָאט זִיךְ אוֹיס גִיצוֹיגְן אוּן אִיז גִיוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בִּיז אִין הִימְל. אוּן הָאט אִים גִיוָואלְט אַיין שְׁלִינְגֶען.

זָאגְט דֶער זָקֵן. אִיךְ הָאבּ פָּארְט קֵיין מוֹרָא גָאר נִיט פַאר דִיר. נָאר אַז אִיךְ וִויל. וֶועסְטוּ פַאר מִיר יוֹ א מוֹרָא הָאבִין. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גִיוֶוען. אִיז גִיוָוארִין גְרוֹיסֶע וָואלְקִינְס. אוּן סֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע דִינֶערְן. אוּן דֶער דִינֶער הַרְגִי׳ט זֵיי זֵייעֶר אוֹיס. זֶענֶען גִיהַרְגֶעט גִיוָוארְן אַלֶע זַיינֶע שָׂרֵי מְלוּכָה וָואס זֶענֶען מִיט אִים גִיוֶוען אוּן סֶע מֶער נִיט גִיבְּלִיבְּן נָאר דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גִיוֶוען דָארְט אִין דֶעם עִיגוּל. הָאט עֶר אִים גִיבֶּעטְן (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן) אַז דֶער דוּנֶער זָאל אוֹיף הֶערִין. הָאט אוֹיף גִיהֶערְט.

הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זָקֵן. אַז דוּ בִּיסְט יוֹא אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ. וֶועל אִיךְ דִיר שֶׁענְקֶען. אֵיין סֵפֶר פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי שְׁדִים. וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדִין בַּעֲלֵי שֵׁמוֹת. וָואס זֵיי וֵוייסִין מֶער נִיט נָאר פוּן אֵיין מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסִין זֵיי אוֹיךְ נִיט אִין גַאנְצִין. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין אֵיין סֵפֶר וָואס דְרִינֶען שְׁטֵייעֶן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת. וָוארִין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן. אוּן אֲפִילוּ וֶוער סֶע וֶוערְט גִיבּוֹירִין. וֶועט אוֹיךְ פַארְשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם סֵפֶר (נִמְצָא הָאט עֶר זֵייעֶר רֶעכְט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט אִים אַרַיין גִילָאזְט נָאךְ מִיט

אֵיינֶעם וָואריִן זוּסְט וֶועמֶען וָואלְט עֶר גִישִׁיקְט) הָאט עֶר אִים גִיבְּרַאכְט דָאס סֵפֶר. הָאט עֶר גִיעֶפִינְט דָאס סֵפֶר, הָאט עֶר גִיזֶעהְן עֶס שְׁטֵייט דְרִינֶען אֶלֶף אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ גִיזָאגְט דֶעם זָקֵן. אַז זֵיי זָאלִין קֵיין מָאל נִיט מַזִיק זַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן. אוּן הָאט גִיהֵייסִין בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַּאטְרֶעטִין פוּן זַיין גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט בַּיי זֵיי גִיבּוֹירִין וֶוערִין אֵיין קִינְד. זָאל מֶען תֵּיכֶף בְּרֶענְגֶען זַיין פַּאטְרֶעט כְּדֵי זֵיי זָאלִין נִיט מַזִיק זַיין קֵיינֶעם פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן.

דֶערְנָאךְ אַז סֶע גִיקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם זָקֵן אַז עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר גִירוּפִין זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן הָאט זֵיי צַוָואָה גִילָאזְט. אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גִיזָאגְט. אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער דָאס סֵפֶר. אוּן אִיר זֶעט דוֹךְ אַז אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּ נִיצְן מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָׁה. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט נִיץ אִיךְ דֶערְמִיט נִיט. נָאר אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. זָאלְט אִיר אוֹיךְ דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפוּנֶען אֵיינֶער פוּן אַייךְ. וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. זָאל עֶר פָּארְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. נָאר עֶר זָאל הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבִּין. אוּן דָאס סֵפֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּירוּשָׁה, אוּן עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען צוּ זַיין אֵיינִיקִיל. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כֹּחַ צוּ נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. נָאר עֶר הָאט גִיהַאט אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט דֶערְמִיט נִיט גִינוּצְט. אַזוֹי וִוי דֶער זָקֵן הָאט צַוָואָה גִילָאזְט. אוּן דִי מְדַבְּרִים (דְהַיינוּ דִי וָואס זֵיי רֵיידִין אָן) וָואס עֶס אִיז פַאר הַאנְדְן צְווִישְׁן דִי שֵׁדִים. הָאבְּן אָן גִירֶעט דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט טֶעכְטֶער גְרוֹיסֶע. אוּן דוּ פַארְמָאגְסְט נִיט זֵיי מְפַרְנֵס צוּ זַיין אוּן זֵיי חַתוּנָה מַאכִין. עַל כֵּן פָּארִי דִיךְ מִיט דֶעם סֵפֶר.

אוּן עֶר הָאט נִיט גְוואוּסְט אַז זֵיי רֵיידִין אִים דָאס אָן. אוּן עֶר הָאט גִימֵיינְט. אַז זַיין הַארְץ רֶעט אִים דָאס אָן. אִיז עֶר גִיפָארִין צוּ זַיין זֵיידִין אוֹיף זַיין קֵבֶר. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט גִילָאזְט צַוָואָה אַז מֶען זָאל נִיט נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר. נָאר מִיר זָאלִין אֱמוּנָה הָאבִּין אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיינְט. רֶעט מִיךְ אָן דָאס הַארְץ. אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נוּצִין. הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט זַיין זֵיידֶע (וָואס עֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן) כָאטְשֶׁע דוּ קָאנְסְט נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. אִיז בֶּעסֶער אַ דוּ זָאלְסְט הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט דִיר הֶעלְפִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן.

וַיְהִי הַיּוֹם. אִיז דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסִין דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. אִיז דֶער מֶלֶךְ קְרַאנְק גִיוָוארִין. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹירִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִיקֶענְט טָאן קֵיין רְפוּאָה. מַחְמַת גְרוֹיסֶע הִיצֶען וָואס אִיז גִיוֶוען דָארְט אִין דֶער מְדִינָה. דֶער אִיבֶּער הָאבִּין נִיט גִיהָאלְפִין דִי רְפוּאוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה גוֹזֵר גִיוֶוען אַז יוּדִין זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. הָאט אוּנְזֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ פוּן שֵׁדִים) בַּאֲשֶׁר דָאס אֵיינִיקִיל הָאט זִיךְ כֹּחַ צוּ נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָׁה. אוּן עֶר נוּצְט פָּארְט נִיט דֶער מִיט. דְרוּם בַּאדַארְפִין מִיר אִים אַ טוֹבָה טָאן. אוּן הָאט גִיהֵייסִין מִיר אַז אִיךְ זָאל דָארְט וֶוערִין אַ וָואלְקִין. כְּדֵי דֶער מֶלֶךְ (פוּן דֶער מְדִינָה) זָאל הָאבִּין אַ רְפוּאָה. פוּן דִי רְפוּאוֹת וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גִינוּמֶען אוּן פוּן דִי רְפוּאוֹת וָואס עֶר וֶועט נָאךְ נֶעמֶען. אוּן דָאס אֵיינִיקִיל הָאט דֶערְפוּן גָאר נִיט גִיוואוּסְט. אוּן מַחְמַת דֶעם בִּין אִיךְ דָא גִיוֶוען אַ וָואלְקִין. (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער וָואלְקִין צוּם שְׁלִיחַ).

אוּן דֶער וָואס הָאט פְּרִיר נִיט גִיהַאט קֵיין כֹּחַ אִין דִי פִּיס. אִיז זַיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ וָואלְקִין הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסִין. אַז מֶען זָאל בַּיי אִים אָפּ נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ. אוּן מֶען זָאל אוּם קֶערִין צוּ דֶעם מֶלֶךְ (וָואס זֵיי הָאבִּין בַּיי אִים דֶעם כֹּחַ אַוֶועק גִינוּמֶען וַוייל עֶר הָאט גִיבּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶר אוֹרְט כַּנַ"ל) הָאט מֶען אִים אוּם גִיקֶערְט דֶעם כֹּחַ. אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען דֶער זוּן פוּן דִי שֵׁדִים (וָואס דֶער פָּאטֶר אוּן דִי מוּטֶער הָאבִּין גִיוֵויינְט נָאךְ אִים כַּנַ"ל) אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגִימוּטְשֶׁעט אָן כֹּחַ וָוארִין מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גִיפַּיינִיגְט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַּארְדְרָאסִין אוֹיף דֶעם מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט אִים דָארְט אַזוֹינֶע יִסוּרִים אָן גִיטָאן. הָאט עֶר אָן גִיזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה. אַז זֵיי זָאלִין תָּמִיד לָאקֶערִין אוֹיף דֶעם מְכַשֵּׁף. אוּן צְווִישִׁין דִי שֵׁדִים אִיז דָאךְ אָבֶּער דָא מְדַבְּרִים (דְהַיְינוּ דִי רֵייעדֶערְס) זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אָפּ גִיזָאגְט דֶעם מְכַשֵּׁף. אַז זֵיי לָאקֶערִין אוֹיף אִים. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין. הָאט דֶער מְכַשֵּׁף גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת. אוּן עֶר הָאט גִירוּפְן נָאךְ מְכַשְּׁפִים וָואס זֵיי וֵוייסְן נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן זֵיי. הָאט עֶס זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן דֶעם זוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי מְדַבְּרִים. נָאךְ וָואס זֵיי הָאבִּין אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד דֶעם מְכַשֵּׁף.

אַמָאל הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין. אַז זֵיי זֶענֶען אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וַוארְטֶע בַּיי דֶעם מֶלֶךְ, פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּן. אוּן פוּן דִי מְדַבְּרִים. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּן אוּן הָאבְּן גִימַאכְט אַ בִּילְבּוּל אוֹיף דִי מְדַבְּרִים הָאט דֶער מֶלֶךְ אוֹיס גִיהַרְגֶ'עט דִי מְדַבְּרִים. הָאט עֶס דִי אִיבְּרִיקֶע מְדַבְּרִים פַּארְדְרָאסִין. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבְּן גִימַאכְט אַ מְרִידָה (דְהַיְינוּ אַ גְרוֹיסֶע קְרִיג) צְווִישְׁן אַלֶע מְלָכִים. אִיז גִיוָוארְן צְווִישְׁן דִי שֵׁדִים הוּנְגֶער אוּן חֲלָשׁוֹת אוּן חֶרֶב אוּן דֶבֶר. אוּן סֶע גִיוָוארִין מִלְחָמוֹת צְווִישְׁן אַלֶע מְלָכִים. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גִיוָוארִין עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אִיז אַיין גִיפַאלִין דִי גַאנְצֶע עֶרְד. אִיז דֶער בּוֹים גִיוָוארִין אָן גִיטְרֶענְקְט גָאר אִין גַאנְצִין. אִיז פוּן זֵיי (דְהַיְינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִישְׁט גִיבְּלִיבֶּען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט. אָמֵן.

אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ וְכוּ' לֹא עָמַד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים וְכוּ' וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מָיִם וְכוּ' גָאר דִי מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַפִּיטְל. וֶוער עֶס הָאט אוֹיגִין לָאז זֶעהְן אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ הַארְץ לָאז פַאֲרשְׁטֵיין. וָואס אוֹיף דֶער וֶועלְט טוּט זִיךְ.

דֶער גִלְיוֹן אִיז נִתְנַדֵב גֶעוָוארְן לע"נ הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּן ר' אַבְרָהָם נֹחַ בֶּענְדֶער זי"ע.
דְרַיי אוּן נֵיינְצִיג יָאר זֶענֶען גֶעוֶוען דִי יָארְן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט ווִי אַ זֶעלְנֶער זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקצוּרִירְן פוּן זַיין שְׁטֶעלֶע אוּן בְּלַייבְּן מִיט דִי תְּמִימוּת בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג.
אוֹיף ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען שְׁטוּרְמִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת, אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זַיינֶע קִינְדֶער וָועלְכֶע זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן בְּחַיָיו, כִּמְעַט גֶעזֶען דֶעם טוֹיט פַאר דִי אוֹיגְן זִיצְנְדִיג אִין דִי שְׁוֶוערֶע רוּסִישֶׁע תְּפִיסוֹת
אוּן פָּארְט אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט תְּמִימוּת מִיט אַהֲבָה אוּן יִרְאָה.
ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אוּנְז תַּלְמִידִים דִי תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, צוּ גֵיין נָאר מִיטְן אֱמֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן קַיין רִיר פוּן רֶבִּי'נְס וֶועג, אוּן אוּנְז אוֹיפְגֶעפָּאדֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית בִּפְרַט פַאר דִי צְעִירֵי הַצֹּאן הָאט עֶר אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְגַדֵל זַיין אַ דוֹר נֶאֱמָן וָועלְכֶע גֵייעֶן אִין רֶבִּי'נְס וֶועג בִּיז הַיינְטִיגְן טָאג.
אִין זַיין זְכוּת זָאלְן מִיר וַוייטֶער קֶענֶען גֵיין אִין רֶבִּי'נְס וֶועג מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת מִיט אַהֲבַת חֲבֵרִים, צְווִישְׁן רֶבִּי'נְס לַייט ווִי ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם נָאר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵויטְן, טוּן חֶסֶד אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

# אַ בְּרֶסְלֶבְּ'עֶ דְרוּקְ!!

## קִינְדֶער, וֵייסְט אִיר וִויאַזוֹי מֶען הָאט אַמָאלִיגֶע צַייטְן גֶעדְרוּקְט אַ סֵפֶר? וִויאַזוֹי אִיז דִי אַרְבֶעט צוּגֶעלַאנְגֶען פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק??

מֶען אִיז נִישְׁט אַרָאפּ צוּם דְרוּקֶעַריי אוּנְטֶערְן שְׁטוּב, אָדֶער צְוֵויי גאַסְן אַוֶועק, אוּן גֶעפָּאדֶערְט דֶעם בַּאשְׁטֶעלוּנְג, אוּן בִּיז דְרַיי אוּן אַ הַאלְבּ מִינוּט אִיז עֶס גֶעוֶוען גְרֵייט, נַיין. אַמָאלִיגֶע צַייטְן הָאט עֶס אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ גֶעאַרְבֶּעט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אוּן קָאמְפְּלֶעצִירְטֶער פוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז ר' נָתָן הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעוָואלְט אַרוּיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ סִבָּה וָואס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן מַאכְן דִי רַייזֶע, וָואס מֵיינֶען עֶנְק קִינְדֶער?! וָואסְפַארַא סִבָּה הָאט אָפְּגֶעהַאלְטְן רֶבִּי נָתָן פוּן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?!

יָא, דֶער עִיקָר סִבָּה אִיז גֶעוֶוען ווייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּינ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין אוֹיפְגַאבֶּע, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק פָּארְן, וֶוער וֶועט אִים דָאס אִיבֶּערְנֶעמֶען, וֶוער וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקַייט? אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִבָּה פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרוּיסְגֶעפָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּיז שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן וֶוען דֶער דְפּוּס אִיז גֶעפָּארְן ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען פָּארְן.



פוּן דָא זֶעט מֶען דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט וָואס ר' נָתָן הָאט גֶעהַאט צוּ מַאכְן הַפָּצָה, אוּן אִין דֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען דֶער עִיקָר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ מְזַכֶּה זַיין דֶעם רַבִּים אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען ר' נָתָנְ'ס צַוָּאָה.

אִין יָאר תקע"ט הָאט ר' נָתָן זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְוֶועסְטִירְט, אוּן הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ כּוֹחוֹת אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם עֵסֶק פוּן דְרוּקְן, בִּיז עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ אַלֵיינְס עֶפֶּענֶען אַ דְרוּקֶעַריי אִין זַיין שְׁטוּב!

אַסַאךְ קִינְדֶער וֶועלְן טְרַאכְטְן, שׁוֹין, וָואס מַאכְט מֶען פוּן דֶעם אַ גַאנְצְן עֵסֶק? וָואס אִיז שׁוֹין דִי גְרוֹיסְקַייט? אִיךְ קֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס דְרוּקְן אַלֵיינְס אִין זֵייעֶר הוֹיז! יָא, רִיכְטִיג. אָבֶּער אַמָאלִיגֶע צַייטְן, טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי. מִיט דִי גֶעלְט וָואס מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט אַ דְרוּק מַאשִׁין, הָאט מֶען גֶעקֶענְט לֶעבְּן יָארְן לַאנְג, אוּן אוֹיסְהַאלְטְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת! חוּץ פוּן דֶעם וָואס דִי אַמָאלִיגֶע מַאשִׁינֶען הָאבְּן נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע סִיסְטֶעם, אוֹיף יֶעדֶע וָוארְט אוּן אוֹת הָאט מֶען גֶעדַארְפְט עֶקְסְטֶערֶער אַרְבֶּעטְן, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פָּשׁוּט'ע מַעֲשֶׂה.

דִי צְווייטֶע זַאךְ, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעעֶפְּנְט אַ דְרוּקֶעַריי בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, קֶען זַיין אַז ס'אִיז דָא קִינְדֶער וָואס ווייסְן נִישְׁט, אַז אִין דִי צַייטְן פוּן ר' נָתָן, בַּיי דִי קָאמֶענִיסְטְן, אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעזֶעץ אַז קֵיינֶער טָאר נִישְׁט דְרוּקְן אַלֵיינְס סְפָרִים! (זִיבְּן סָארְטְן סְפָרִים אִיז גֶעוֶוען אַן אִיסוּר צוּ דְרוּקְן, סְפָרִים פוּן צַדִיקִים אוּן סְפָרִים וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה) אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעכַאפְּט אֵיינֶעם וָואס דְרוּקְט סְפָרִים נִישְׁט אוּנְטֶער דֶער אוֹיפְזִיכְט פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע הוֹיפְּטְן אִיז דִי שְׁטְרָאף דֶערוּיף גֶעוֶוען זֵייעֶר הַארְבּ! דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דֶער גֶעפַאר אִין וָואס ר' נָתָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע פוּן אַלֶעם, בִּפְרָט אַז ר' נָתָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט שׂוֹנְאִים אוּן מִתְנַגְדִים וָואס הָאבְּן נָאר גֶעזוּכְט ווִיאַזוֹי צוּ שֶׁעדִיגְן אוּן אִים שְׁלֶעכְט מַאכְן, ר' נָתָן הָאט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן.

הֶמְשֵׁךְ אִין קוּמֶענְדִיגְן גִלְיוֹן בעז"ה

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶתְ'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִּינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אַנֶערְקֶענֶען אוּן צוּ וִויסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען."

זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָּׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן סֶלָה.

(שטיקל פון תפלה ע"ו)

## די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (3) (סוף)

**א. ווער דערציילט די מעשה פון דעם חכם - זקן ? פאר וועמען?**
- ☐ דער מלך צו דער וואלקן
- ☐ דער שליח צו דעם מלך
- ☐ דער וואלקן צו דעם שליח

**ב. וואס איז געווען דער קיסר?**
- ☐ א חכם
- ☐ א גרויסער חכם
- ☐ א גרויסער אפיקורס

**ג. וואס האט ער געמאכט די גאנצע מדינה?**
- ☐ פאר חכמים
- ☐ פאר גרויסע חכמים
- ☐ פאר אפיקורסים

**ד. צו וואו, וויל זיך דער חכם אוועקלאזן? און פארוואס?**
- ☐ אין א אנדערע שטאט, צו האבן וואס צו עסן
- ☐ אין א אנדערע שטאט, נישט צו ווערן גע'הרג'עט
- ☐ אין מדבר, כדי צו בלייבן ביי אונזער אמונה

**ה. וויאזוי איז דער חכם דארט אנגעקומען?**
- ☐ דורך א שם
- ☐ מיט א שיף
- ☐ ער איז געגאנגען צופיס

**ו. די וויפילטע פלאץ איז אים געפעלן?**
- ☐ די ערשטע
- ☐ די צווייטע
- ☐ די דריטע

**ז. וואס האט דער חכם געמאכט אז מ'זאל נישט קענען צוטרעטן צו זיי?**
- ☐ א גרויסער מויער
- ☐ א עגול ארום זיי
- ☐ ער איז אריין אין א פאלאץ

**ח. וואס וואלט געשען ווען מ'טרונקט אן דעם בוים?**
- ☐ וואלט פון די שדים גארנישט געבליבן
- ☐ וואלטן די שדים משוגע געווארן
- ☐ וואלטן די שדים באקומען כח

**ט. פארוואס איז נישט גענוג אז מ'גראבט איין מאל ארום דעם בוים?**
- ☐ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ☐ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, ווערט ערד ציטערנישן, פאלט די ערד ארום דעם גראבן, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ☐ ווייל ס'קומט א גאנצע צייט וואסער פון טייך

**י. פארוואס פרובירט דער מלך פון די שדים צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ☐ ווייל אויב וואלט דער בוים נישט געווען, וואלט געווען זייער גוט פאר די שדים
- ☐ ווייל מיט דער בוים קען ער בויען אסאך זאכן
- ☐ ווייל ער וויל דארטן מאכן א וועג

**יא. פארוואס איז ער נישט מצליח צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ☐ ווייל ס'איז זייער א שטארקער בוים
- ☐ ווייל מ'נעמט אים צו די כח
- ☐ ווייל די בוים געבט א געשריי פאלט אויף אים א גרויסע פחד

**יב. האט דער מלך געקענט אריין גיין צום זקן [חכם]?**
- ☐ יא! דורך כישוף
- ☐ ניין! ער איז בכלל נישט אריין
- ☐ דער חכם האט אים געעפנט א טירל

**יג. וואס האט דער מלך געטון צו ווייזן זיין כח?**
- ☐ ער איז געווארן א וואלקן
- ☐ ער האט ארויס גענומען א גרויסע שווערד
- ☐ ער איז געווארן זייער גרויס ביז אין די הימל

**יד. וואס האט דער חכם געטון?**
- ☐ ער האט ארויס געטראגן דעם מלך פון דעם עיגול
- ☐ ער האט זייער מורא געהאט און זיך מכניע געווען
- ☐ ער האט אביסל מתפלל געווען זענען גע'הרג'עט געווארן די שרי מלוכה

**טו. וואס האט דער מלך געזאגט פאר דעם זקן ?**
- ☐ ער זאל אוועק גיין פון דעם פלאץ
- ☐ אז ער האט נישט מורא
- ☐ ער האט אים צוגעזאגט אז זיי וועלן קיינמאל נישט מזיק זיין, זיין גאנצע משפחה

**טז. וואס האט דער זקן געזאגט ביי די צוואה ?**
- ☐ אז אויב ס'פעלט אויס קען מען נוצן בקדושה די ספר פון די משפחות פון די שדים
- ☐ אז מ'זאל נישט נוצן מיט דעם ספר, נאר האבן אמונה אין השי"ת
- ☐ אז מ'זאל פארברענען דעם ספר

**יז. וואס האט דער איינקל געטון ווען די מדברים האבן אים צוגערעדט צו נוצן דעם ספר?**
- ☐ ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט
- ☐ ער האט זיך גענוצט מיט דעם ספר
- ☐ ער איז געפארן צו זיין זיידנס קבר און אים געפרעגט וואס צו טון

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

# דעם רבי'נס לייט

המשך פון זייט 2

בָּחוּר אַבְרָהָם יִצְחָק, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט אַ שַׁארְף קֶעפְּל, מִיט אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד, הָאט עֶר פַארְבֶּעטְן עֶר זָאל אוּיפְמָארְגְנְס זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי קוּמֶען מִיט זַיין טַאטְן צוּ אִים.

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיטְן רָב, דֶער רָב בֶּעט דֶעם טַאטְן רְשׁוּת עֶר זָאל אַוֶועקְלָאזְן זַיין זוּן אַבְרָהָם יִצְחָק לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבַת רַאדִין בַּיים חָפֵץ חַיִּים זי"ע, דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט אַנְטְקֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט אוּן גְלַייךְ צוּגֶעשְׁטִימְט, ווֶען דֶער רָב הָאט צוּגֶעוואוּנְטְשְׁן דֶעם בָּחוּר עֶר זָאל אוּיסְוואַקְסְן אַ גָדוֹל בַּתּוֹרָה.

דֶער חָפֵץ חַיִּים בַּאקוּמְט אַ בְּרִיוו פוּן לָאדְזְשֶׁער רָב אַז עֶר שִׁיקְט אִים אַ בָּחוּר גַאנְץ יוּנְג אָבֶּער אַ שַׁארְף קֶעפְּל. אִיבֶּער אַכְט יָאר הָאט אַבְרָהָם יִצְחָק גֶעלֶערְנְט דָארְט בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים מֻשְׁלָם מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.

דֶער ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען אַ גָאוֹן עוֹלָם, אַ לַמְדָן מֻפְלָג, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס פוּן אֵיין דֶעקְל צוּם צְווֵייטְן, אִיבֶּערָאל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּאקַאנְט, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט בְּנִמְצָא צוּ טְרֶעפְן אַזַא גָאוֹן. שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'נְס זַאךְ.

ווֶען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט קַיין אוֹסְטְרוֹבְצָא, הָאט עֶר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקָרֵב צוּ זַיין אִינְגֶעלַייט צוּם רֶבִּי'נְס זַאךְ. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ הַדִּבּוּר, דִי מַעֲלוֹת פוּן דֶעם ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, אַן עָנָיו, אַ בַּעַל תּוֹרָה, וָואס מֶען קֶען נָאר זָאגְן ווֶעגְן אַ גוּטֶע מִדָּה, קֶען מֶען זָאגְן אוּיף דֶעם ר' אַבְרָהָם יִצְחָק.

זַיין מַצָּב אִין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל גֶעדְרִיקְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים גְמָרָא מִיט תּוֹסְפוֹת, פַאר בְּעֵרֶךְ אַכְט בָּחוּרִים הָאט עֶר פָארְגֶעלֶערְנְט. אִיךְ הָאבּ אוּיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי אִים." ווֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק?!

המשך אי"ה

שְׁטֶעלְט אֵייךְ פָאר אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אִין אַ רֶעסְטוֹרַאנְט אוּן דֶער טֵיילֶער לֵייגְט אִים אַרַיין אִין טֶעלֶער אַ קֶערְנְדְל פוּן אַ רַייז, אַ בְּרֶעקְל פוּן אַ בִּילְקֶעלֶע, וָואסְפַארַא פָּנִים טְרָאגְט עֶס? אָבֶּער אִין אִיוֹב אִיז דָא אַ פָּסוּק 'אִם בְּפִידוֹ לָהֶם שׁוּעַ', אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע נְקוּדָּה טוֹבָה וָואס מִיר גֶעבְּן אִים, אֲפִילוּ עֶס אִיז קְלֵיין. אַזוֹי וִוי אַ תַּרְנְגוֹל אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט אַ טוֹיזְנְטְסְטְל פוּן אַ בְּרֶעקְל וָואס עֶר טְרֶעפְט אִין מִיסְט, ווֶען עֶר זִיצְט צְווִישְׁן דִי שְׁמוּצִיגֶע זֶעקְלֶעךְ אוּן זוּכְט אֵפִּיר עֶפֶּעס בְּרֶעקֶעלֶעךְ, זָאגְט ר' נָתָן אַזוֹי זֶענֶען מִיר מְחֻיָּב זִיךְ מְחַיֶּה צוּ זַיין מִיט דִי קְלֵיינֶע נְקוּדּוֹת טוֹבוֹת.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁווֶער צוּ קְלָאגְן, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם צַעַר פוּנֶעם חוּרְבָּן, אָבֶּער לָאמִיר אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ בְּרֶעקֶעלֶע, אַ מַשֶּׁהוּ פוּן אַ צַעַר מִיט אַפָּאר ווֶערְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער: "מִיר ווִילְן קְלָאגְן, מִיר ווִילְן פִילְן דַיין צַעַר, אוּנְז פַארְשְׁטֵייעֶן אַז סְ'אִיז דָא אַ חוּרְבָּן, אַ גָלוּת", מִיט דִי קְלֵיינֶע נְקוּדּוֹת טוֹבוֹת וָואס מִיר ווֶעלְן טְרֶעפְן, אִין יֶעדֶע זַאךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִנְהָג פוּן שַׁבָּת, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע שִׂמְחָה, אָבֶּער בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז יֶעדֶע בְּרֶעקְל זֵייעֶר טַייעֶר.

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט פִּיצְקֶעלֶעךְ נְקוּדּוֹת טוֹבוֹת, אוּן דָאס ווֶעט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ עֶס זָאל מְקֻיָּם ווֶערְן דִי גֶעבֶּעט פוּן וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים אָמֵן וְאָמֵן. (ע"פ פְּרִיקָה וּטְעִינָה ד')



שְׁרַייט וִוי אַ לֵייב אוּן זָאגְט: "אוֹי לִי שֶׁהֶחֱרַבְתִּי אֶת בֵּיתִי וְשָׂרַפְתִּי אֶת הֵיכָלִי", מַיין שְׁטוּב אִיז חָרוּב אוּן פַּארְבְּרֶענְט, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִין גָלוּת צְווִישְׁן דִי פֶעלְקֶער.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וָואס מֵיינְט אַ שְׁטוּב פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ "הִנֵּה הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם לֹא יְכַלְכְּלוּךָ אַף כִּי הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר בָּנִיתִי (מלכים א' ח, כז) דִי גְרֶעסְטֶע הִימְלֶען קֶענֶען נִישְׁט עֶנְהַאלְטְן אוּן בַּאגְרַייפְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, כָּל שֶׁכֵּן אַזַא קְלֵיינֶע שְׁטוּב וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ גֶעוָואלְט מְגַלֶּה זַיין אִין שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אִין דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוֹיף דֶער מִזְבֵּחַ אוּן דֶער אָרוֹן וְכַפֹּרֶת, דִי מְנוֹרָה, אוּן לֵיידֶער אִיז דָאס אַלֶעס חָרוּב גֶעוָוארְן.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן הַיינְט אַ נַחַת רוּחַ פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן?! דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַזוֹי וִוי וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען מֶלֶךְ, זַיינֶע סְעוּדוֹת פוּן אַ גֶעוֶוענְלִיכְן טָאג זָאגְן חֲזַ"ל כִּסְעוּדַת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ בִּשְׁעָתוֹ, אִין סֵפֶר מְלָכִים וֶוערְט פַּארְגֶעשְׁטֶעלְט וִויפִיל פְלֵייש, וִויפִיל שָׁאף אוּן קִיעֶן, קַאטְשְׁקֶעס, בְּרוֹיטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אֵיין סְעוּדָה פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ!

אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, הָאט מֶען אִים מַמָּשׁ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ טְרִיקֶענֶע בְּרוֹיט אִין אַ שְׁטִיקְל אוּגֶערְקֶע, אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט אִין גָלוּת קֶענֶען מִיר מְחַיֶּה זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער כִּבְיָכוֹל, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט זַיין שְׁטוּב אוּן מִיר אַלֶע הָאבְּן אוּן בֶּענְקֶען אַז בְּקָרוֹב זָאל עֶר שׁוֹין רוֹעֶן צְווִישְׁן אוּנְז, מִיר מַאכְן תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת אוֹיף דֶעם, בִּפְרָט אִין דִי טֶעג וֶוען מִיר פַּראוֶוען תִּיקוּן חֲצוֹת, עֶרְלִיכֶע אִידְן גֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אַבִּיסְל קִינוֹת, בַּייטָאג אָדֶער בַּיינַאכְט.

הַיינְט קֶענֶען מִיר בַּאוִוילִיגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ קְלֵיינִיגְקַייט! כִּבְיָכוֹל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין אַזַא מַצָּב פוּן בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר, בִּפְרָט אַז מֶען גֵייט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן מֶען טוּט מִצְווֹת דַארְף עֶס זַיין מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט שׁוֹין אִין סִימָן א' "רָאוּי לְכָל יְרֵא שָׁמַיִם שֶׁיְּהֵא מֵצֵר וְדוֹאֵג עַל חוּרְבַּן הַבַּיִת, עֶס זָאל וַוייטָאן דֶער חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", זָאגְט דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה אוֹיפְן אָרְט, אָבֶּער דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה דַארְף זַיין בְּשִׂמְחָה! עֶס קוּמְט צוּ טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם, וֶועלְכֶע מִצְוָה עֶס זָאל נָאר זַיין דַארְף מֶען עֶס טוּן מִיט פְרֵיילִיכְקַייט, יֶעצְט קֶען אִיךְ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בּוֹרֵא כָל עוֹלָמִים.

בִּפְרָט בַּיי דִי פְּסוּקִים פוּן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה וואו מֶען בֶּעט אוֹיף דִי גְאוּלָה עֲתִידָה, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט וֶוערְן צוּרִיק דֶער גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ אוּן זַיין מְלוּכָה וֶועט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן דַארְף מֶען נָאכְמֶער זַיין בְּשִׂמְחָה, אוּן בִּפְרָט דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרַיי וָואכְן וָואס ר' נָתָן אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מַאֲרִיךְ אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת הֲלָכָה ז' אַז דֶער תִּיקוּן פוּן דִי דְרַיי וָואכְן - וֶוען מֶען קְלָאגְט אוֹיפְן חוּרְבָּן זֶענֶען דִי שַׁבָּתִים.

וִוי בַּאוואוּסְט אַז אִין שַׁבָּת דֶערְלַאנְגְט נִישְׁט קֵיין פְּגָם, שַׁבָּת אִיז מְרַמֵּז אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז קָבוּעַ וְקַיְימָא, עֶס בְּלַייבְּט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג, קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען נִישְׁט צֶעשְׁטֶערְן דֶעם שַׁבָּת - וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אוּנְזֶער קְדוּשָׁה, וָואס קֵיינֶער קֶען אוּנְז דָאס נִישְׁט אֲוֶועקְנֶעמֶען אֲפִילוּ כִּבְיָכוֹל אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא אַ חוּרְבָּן, עֶס דַארְף אוּנְז וַוייטָאן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִיז עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ.

דַארְף מִיר אִין דִי דְרַיי וָואכְן טְרֵייסְטְן דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִיטְפִילְן זַיין צַעַר, אוּן אִים זָאגְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אוּנְז פַּארְשְׁטֵייעֶן דַיין וַוייטָאג, מִיר ווִילְן דִיר טְרֵייסְטְן אַז מַמָּשׁ אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ שׁוֹין צוּרִיקְבַּאקוּמֶען דַיין מְלוּכָה, דַוְקָא דוּרְךְ אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועסְטוּ דָאס צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ".

# מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם

**אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאל אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן.**

וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי – וָואס עֶר אִיז דִי גְלוּסְטֶענִיש פוּן אוּנְזֶער אוֹיג, דֶער קְרוֹין פוּן אוּנְזֶער קָאפּ, אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט, לוֹיטֶערְקַייט, פְּרֶעכְטִיגְקַייט, דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אוּנְזֶער נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה, (תְּפִלָּה ל"ג תִּנְיָנָא) הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז אוּן אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע זָאל קוּמֶען צוּם אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוּן מִיר וֵוייסְן אַז דֶער קִבּוּץ הַיי יָאר אִיז חַס וְשָׁלוֹם אִין אַ סַכָּנָה, וֶועט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם פָּארְקוּמֶען אַן:



# עצרת תפלה לילדי ברסלב

וִוי דִי קִינְדֶער וֶועלְן הֶערְן אַ שֵׁיינֶע דְרָשָׁה
אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן בּוֹקֵעַ רְקִיעִים זַיין מֶען זָאל קֶענֶען פָּארְן
צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ.

## ביום רביעי פרשת מסעי הבעל"ט

**בית שמש, בביהמ"ד אוהל הדסה רחוב רבי יהושע, בשעה 7:15**

**ירושלים בבית המדרש הגדול דחסידי ברסלב בהיכל הכולל בשעה 7:10**

**דִי קִינְדֶער וֶועלְן קוּמֶען בעז"ה מִיט דִי מַשְׁגִּיחִים אוּן מְלַמְּדִים פוּן דִי חֲבְרוֹת.**

---

לפתוח את הקיבוץ באומן